# ל. שאַפּיראָ

# רויך

## (געווידמעט דעם אָנדענק פֿון י. ל. פּרץ)

### א.

פֿון ערשטן צי איז ער געוואָרן טונקל-רויט, ווי ער וואָלט אויפֿגעהויבן אַ משׂא, און איז זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ שווערן הוסט. אָבער ״גרויסע״ האָבן **דאָך** געריכערט: עפּעס מוז זײַן דערין. ער האָט זיך פֿאַרעקשנט – און זיך צוגעוווינט.

דער פֿאָטער איז געווען אַן אָרעמער מלמד, און דערצו טאָרן ייִנגלעך ניט רויכערן – האָט ער געקליבן ״שטיקלעך״.

שפּעטער, לערנענדיק אין קלויז, האָט ער שוין עפּטער געהאַט אַ פּעקל טאַביק. ער האָט קיינעם קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט אַ ציגאַר-טיטון ווען ער האָט געהאַט, און זיך געשעמט צו בעטן ווען ער האָט נישט געהאַט.

ער האָט געהייסן מנשה.

פֿון קלויז האָט מען אים גענומען פֿאַר אַן איידעם צו ר׳ שואל מאַראַוואַנער. ר׳ שואל איז פּערזענלעך געקומען מיטן שדכן אין קלויז אַרײַן. דער גרויסער ייִד מיט די אַראָפּגעהאַנגענע ברעמען האָט אַ ווײַלע באַקוקט מנשהן שווײַגנדיק. דער בחור איז הויך, ברייטלעך און קראַפּטיק. דער חסידיש-סוחרישער האַלב-לאַנגער סורדוט וועט אים פּאַסן אויסגעצייכנט. ר׳ שואל האָט אַ קוק געטון צו אים אין ספֿר, געשטעלט אַ פּאָר פֿראַגן, פֿאַרפֿירט אַ שמועס סתּם אין דער וועלט אַרײַן, און געהאָרכט מיט געשפּיצטע אויערן און קוקנדיק אָן אַ זײַט דעם בחורס באַשיידענע, אַ ביסל קירצלעכע באַמערקונגען. דעם שמועס האָט ער אָפּגעבראָכן אין מיטן, אויפֿשטייענדיק פֿון דער לאַנגער באַנק:

– נעם דײַנע תּפֿלין. –

ב.

אין אײנער פֿון די אינטימסטע מינוטן האָט אים דאָס װײַבל געפֿרעגט:

– װאָס פֿאַר אַ טעם, אַ שטײגער, פֿילסטו אין דײַן טיטון? גיב מיר אַ צי טון – לאָמיך אויך װיסן.

ער האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן מויל דעם ברענענדיקן צונויפֿגעדרײטן ציגאַר-טיטון און אים צוגעטראָגן צו איטעס ליפּן. זי האָט אַ פּיפּקע געטון, רעשדיק, אונגעשיקט, װי מיט קישעלעך.

– פּֿ-פּֿע! – האָט זי זיך אָפּגעהוסט. – רויך, און מער גאָרנישט.

ער האָט געשמײכלט.

– רויך, אָבער ס'איז גוט.

– װאָס איז דאָ די גוטקײט? ביטער, און פֿאַרגײט אין די אויגן.

ער האָט צוריקגעלאַכט.

– אָבער גוט, – האָט ער װידערגעהאָלט.

און אַ װיכער פֿון ברענענדער בושה און ברענענדער העזה האָט פֿאַרדרײט די צװײ יונגע מענטשן אין זײַנע פֿאַלדן. –

ג.

דעם איבערגאַנג צו דער שפֿע פֿון שװערס הויז האָט ער אָנגענומען אָן קבצנישער זשעדנעקײט. בלויז אין אײן-אײנציקער זאַך האָט ער זיך נאָכגעגעבן: ער האָט געברויכט דעם בעסטן טאַביק װאָס ער האָט נאָר געקענט קריגן. יונגעלײַטלעך אין קלויז האָבן געװוּסט דערפֿון און האָבן זיך אָפּּט און גערן באַנוצט מיט זײַן טאַביק-פּושקע.

ר' שואלס עלטערער אײדעם, נחמיה, האָט אים אַ מאָל אָפּגערופֿן אין קלויז אָן אַ זײַט:

– וואָס לאָזסטו זיי אויסרויכערן דײַן טיטון, די חזירים? נישקשה, אַליין קויפֿן זיי מאַכאָרקע.

מנשה האָט אים רויִק אָנגעקוקט.

– ווי קאָן מען אָפּזאָגן יענעם אַ ציגאַר-טיטון?

נחמיה האָט געוואָרפֿן אַ פֿאָרזיכטיקן בליק אַרום. איין אייגל האָט זיך בײַ אים פֿאַרמאַכט און דאָס צווייטע האָט אויפֿגעשײַנט מיט חכמה.

– שוטה, וואָס פֿאַרשטייסטו דאָ נישט? טו אַזוי ווי איך: צוויי סאָרטן.

ער האָט זיך פֿאַרכליניעט מיט אַ געלעכטערל.

מנשה האָט דערויף גאָרנישט געזאָגט, נאָר קיין צוויי סאָרטן טאַביק האָט ער נישט אײַנגעפֿירט.

ער האָט פֿאַרבראַכט אין קלויז, געלערנט אין דער היים און שפּאַצירט מיטן שטעקן אין האַנט. צײַטנווײַז פֿלעגט ער זיצן און שווײַגנדיק זיך צוהערן צו געשפּרעכן וועגן מיסחר, וואָס ר׳ שואל האָט געפֿירט מיט ייִדן סוחרים. אין יענע יאָרן פֿלעגט מען ״פֿאָרן קיין דאַנציג״, אָדער קיין לײַפּציג, אָדער קיין קעניגסבערג. ר׳ שואל איז געווען פֿון די דאָזיקע פֿאָרער קיין דאַנציג. דעם עלטערן איידעם, נחמיהן, האָט ער געעפֿנט אַ שניטקראָם: ״זעץ זיך אַוועק און מעסט לײַוונט״. נחמיה האָט געווען געפּרובט אַ רעד טון וועגן ״דאַנציג״, האָט אים דער שווער מיט בטול אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. מיט מנשהן האָט ער וועגן מיסחר קיין וואָרט נישט גערעדט. מנשה האָט אויך געשוויגן. ביז איטע איז געליגן געוואָרן און געבוירן אַ צווילינג – צוויי ייִנגלעך.

דעם אָוונט נאָכן דאָפּלטן ברית האָט דער שווער אַרײַנגערופֿן מנשהן אין אַ באַזונדערן חדר, האָט אים דערלאַנגט אַ פּעקל אַסיגנאַציִעס און געזאָגט:

– פֿאָר.

מנשה האָט זיך אַ ביסל געשראָקן.

– איך ווייס דאָך גאָרנישט וואָס און ווען...

– וועסט שוין וויסן. אַז דו'סט פּטרן דאָס ביסל געלט, ווערסטו וויסן.

דאָס איז געווען חנוכּה-צײַט. ערבֿ פּסח איז מנשה געקומען צוריק. מ'האָט פֿריילעך פֿאַרבראַכט די ערשטע צוויי טעג יום-טובֿ און "דאַנציג" אַפֿילו נישט דערמאָנט. ערשט אין אָוונט פֿון צווייטן טאָג, מיטן אַרײַנטריט פֿון חול-המועד, האָט ר' שואל אײַנגעלאַדן מנשה צו זיך אין צימער.

– וואָס הערט זיך?

– איך ווייס שוין אַ ביסל, – האָט מנשה געענטפֿערט און געוואָרן רויטלעך.

ר' שואל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

און נאָך פּסח האָט מנשה ווידער געקראָגן אַ פּעקל אַסיגנאַציִעס און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין דאַנציג. פֿון דעמאָלט אָן פֿלעגט ער פֿאָרן רעגלמעסיק אויף צוויי-דרײַ חדשים יעדעס יאָר, און מאַנכמאָל צוויי מאָל אַ יאָר. –

ד.

מיטן גאַנג פֿון די יאָרן זענען קינדער געווען פֿול אין אַלע ווינקלעך פֿון הויז. אייניקע האָבן געהאַלטן אין אונטערוואַקסן. אַנדערע האָבן אַרומגעפּויזעט, נײַע זענען געבוירן געוואָרן. ר' מנשה – ער איז געוואָרן "רבֿ" מנשה אונטער דער צײַט – האָט צוגעקוקט און רויִק געלאַכט. ר' שואל איז שוין נישט געווען, זײַנע געשעפֿטן זענען איבערגעגאַנגען צו ר' מנשהן, ווי אויך דאָס אַלטע הויז מיט די ברייטע חדרים.

אין די חדשים פֿון יאָר וואָס ר' מנשה האָט פֿאַרבראַכט אין מאַראַוואַן האָט ער געלעבט ווי פריִער: באַזוכט צוויי מאָל טעגלעך די קלויז, בײַטאָג געלערנט, אין אָוונט געשמועסט פֿון געשעפֿט. איין

ענדערונג האָט אויסלאַנד געמאַכט אין זײַנע געוויינהייטן: ער האָט גערויכערט ציגאַרן.

– אַ ציגאַר-טיטון איז אַ ייִנגלשער עסק, – האָט ער שמייכלענדיק דערקלערט. – אַ ייִד מיט אַ באָרד , אַ טאַטע פֿון קינדער דאַרף רויכערן אַ ציגאַר. די דײַטשן זענען נישט קיין נאַראָנים.

ציגאַרן זענען נישט געווען דאָס איינציקע וואָס אויסלאַנד האָט מיטגעבראַכט, נאָר דערפֿון האָט געוווּסט נאָר איטע אַליין. דאָס הייסט, ניט געוווּסט – גישפּירט. ווי אַזוי האָט ער דאָרט געלעבט אין דעם אויסלאַנד? וואָס איז דאָס אַזוינס איבערגעהויפּט, דאָס דאָזיקע אויסלאַנד? – וועגן דעם האָט זי ניט געטראַכט, נאָר איר האָט זיך עפּעס געדאַכט, אַז דער ייִד ווערט וואָס אַ מאָל ברייטער און העכער, און ס'האָט זי געוווּנדערט, וואָס די מאָס פֿון זײַנע מלבושים ענדערט זיך נישט. ער האָט געהאַט אַזאַ טבֿע צו שמייכלען מיט די אויגן אַליין, און דער דאָזיקער שמייכלענדיקער בליק האָט זי אַרײַנגענומען אין זיך און זי מיטגעטראָגן ערגעץ אַהין, וווּהין ער האָט געפֿלאָסן רויִק, טיף, אָן אָפּשטעל, ווי דער גרויסער טײַך וואָס איז יאָר-אײַן יאָר-אויס געגאַנגען פֿאַרבײַ דער שטאָט אין די ווײַטע וועלט אַרײַן. דאָס האָט זי נישט געשראָקן; פֿאַרקערט, זי האָט זיך געפֿילט זייער געזיכערט אין דעם דאָזיקן ברייטן שטראָם ערגעץ אַהין. און מאַנכמאָל האָט זי זיך געטוליִעט צום מאַן און אַפֿילו פּרובירט צו נעמען אַ צי פֿון זײַנע ציגאַרן. דאָס האָט געפֿירט צו טרערן אין די אויגן און ספּאַזמען פֿון הוסט, און ער האָט זי לײַכט געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און געלאַכט. –

ה.

אין שטוב האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט אַ פּאָר היפּשע בחורים, און אַ גאַנצע מחנה קליינוואַרג און האַלבוווּקס האָבן זיך געשטויסן און געשטופּט נאָך זיי.

דאַנציג איז שוין נישט געווען דאָס דאַנציג וואָס אַ מאָל. איטע האָט געדריקט און געדריקט די הוצאה אַרונטער; בלויז אויף ר' מנשהס ציגאַרן האָט זי צו קאַרגן נישט דערלויבט, און ער האָט איר דערין נישט געשטעלט זיך דערקעגען. לסוף איז עס געקומען אַזוי ווײַט, אַז די פֿאַמיליע האָט געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס אַלטע הויז מיט די ברייטע

חדרים און גיין אין שכנות. דעמאָלט האָט ר׳ מנשה זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ טאָג בײַ זיך אין צימער און אַ שטאַרקן טראַכט געטון וועגן דעם, וואָס איז דער מער מיט דאַנציג. ער איז געזעסן, געקוקט אין פֿענצטער, גערויכערט ציגאַרן און געטראַכט. און צומאָרגנס איז ער אַוועקגעפֿאָרן אויפֿן דאָן.

ער האָט זיך אַרומגעשטויסן אין קאָכיגן ראַיאָן צווישן אונטערשטן דאָן און קאַספּישן ים עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד, האָט געקוקט, געטראַכט, געציילט און גערעכנט – און לסוף האָט ער מיט דער רעכטער האַנט פֿאַרבויגן אַ פֿינגער אויף דער לינקער און געזאָגט: ״קאַוויִאַר״. און האָט זיך פֿאַרבינדן דעם דאָן מיט דאַנציג.

דאָס פֿאַרבינדן האָט געדויערט צוויי יאָר, וואָס זענען געווען די שווערסטע פֿאַר די פֿאַמיליע אין דער היים. נאָר אַז ער האָט נאָך די צוויי יאָר פֿאַרלאָזן דעם דאָן אויף עטלעכע חדשים אָפּרו, האָט מען אין דער געגנט אָנגעהויבן צו דערמאָנען פֿאַרגאַנגענע פּאַסירונגען לויט אַ נײַעם לוח: די און די מעשׂה איז געשען אין דער צײַט, ״ווען ר׳ מנשה מאַראַוואַנער האָט אָנגעהויבן צו פֿאָרן אויפֿן דאָן.״ און אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער צוריק אָפּגעקויפֿט דעם אַלטן ר׳ שואלס הויז און דאָס לעבן איז אַוועק ווי אין די פֿריִעריקע יאָרן.

קיין דאַנציג איז ער איצט געפֿאָרן איינס מאָל אין צוויי-דרײַ יאָר, דערפֿאַר אָבער האָט ער צוויי דריטל פֿון זײַן צײַט פֿאַרבראַכט אויפֿן דאָן. נאָכן קאַוויִאַר האָט ער געלאָזן אין גאַנג גערויכערטע ״וואָבלאַ״, און נאָך דער וואָבלאַ – אַ לאָקאַלן סאָרט סאַרדינען וואָס ער אַליין האָט זיי אַנטדעקט. ער האָט פֿאַרדינט פֿיל און פֿיל פֿאַרלעבט: איין קינד נאָכן צווייטן איז געוואַקסן, האָט געלעבט און געלערנט און איז לסוף געשטעלט געוואָרן מיטן פֿאָטערס הילף אויף אייגענע פֿיס. צו דער חתונה פֿון דער מיזינקע האָט ער צונויפֿגערופֿן אַלע קינדער. מ׳האָט זיך משׂמח געווען גאָר אויפֿן גרויסן, פֿאַרצײַטיקן שטייגער, און צום סוף פֿון שלייער-וואַרמעס האָט ר׳ מנשה זיך אויפֿגעשטעלט פֿון זײַן שטול אויבן אָן בײַם טיש.

– קינדער – מער פֿאָר איך נישט אויפֿן דאָן. איך האָב געלאָזן פֿאַר מיר מיט דער אַלטער צו דערלעבן אונדזער פֿאָר יאָר – דאָס איבעריקע נאַט אײַך אַוועק. פֿאָרט געזונטערהייט, און זאָל דער

אויבערשטער געבן, איר זאָלט אָפּלעבן אייַערע יאָרן נישט ערגער ווי איך האָב אָפּגעלעבט מייַנע. פֿאַר אונדז דאַרפֿט איר נישט דאגהן – מיר וועלן צו אייַך נישט אָנקומען.

ו.

דאָס לעבן האָט געפֿלאָסן ווי אַ טייַך נאָענט פֿון זייַן אויסגוס: וואָס ברייטער און טיפֿער, אַלץ געלאַסענער און רויִקער. דעם ייִדנס הויכער, גלאַטער שטערן האָט געוויזן בלויז איין דינעם, לאַנגן קנייטש פֿון שלייף צו שלייף, און די שוואַרצע האָר האָבן ערטערווייַז שוואַך געווייַסלט. אין די זומעריקע פֿריִע פֿאַרנאַכטן, אינעם אָראַנדזשן גלי פֿון דער פֿאַרגייענדער זון, פֿלעגט ער, ווי פֿריִער, שפּאַצירן מיטן שטעקן אין האַנט, און זייַן טראָט איז געווען געמאָסטן און זיכער, און דער רוקן איז געשטאַנען גלייַך אונטערן נאַקן, נאָר די אויגן האָבן געקוקט פֿאַרטראַכט, שטאַרק פֿאַרטראַכט.

אין די מיטל-יאָרן פֿלעגט ער לערנען מייסטנס מיט די אויגן. איצט האָט זייַן שטימע עפֿטער געקלונגען אין דער אַלטער קלויז אין די שטילע בייַטאָגן, האָט געצויגן דעם מילדן און אומעטיקן ניגון פֿון זייַן יוגנט, געצויגן אים דין און דינער, שטיל און שטילער, ביז ער האָט געזונקען אין דער אַרומיקער שטילקייט ווי דער נאָכציטער פֿון אַ סטרונע – און ווידער זיך געהויבן און געשטיגן ביז צו זייַן פֿולן קלאַנג. דאָס איז געווען זיס און ביטער, ווי קינדערשע טרערן.

ער האָט גערן פֿאַרבראַכט אין קלויז מיט די יונגערע לערנער אין שמועסן וועגן תּורה און דרך-ארץ. וועגן אויסלאַנד און זייַן לעבן ווייַט פֿון דער היים האָט ער זיך נישט אַרייַנגעלאָזן אין צופֿיל פּרטים.

– מענטשן לעבן און שטאַרבן דאָרט אַזוי ווי בייַ אונדז, – האָט ער קורץ געענטפֿערט און געשמייכלט מיט זייַנע אויגן. – אַ סלאַוויטער ש״ס אָדער אַ לייַפּציגער – וואָס איז די נפֿקא-מינה? נישט מער, דער דפֿוס און די טאָוולען. דער תּוכן, ווידער –

און פֿאַרקוקט זיך אויפֿן שנירעלע רויך, און געהיט, אַז דאָס ווייַסלעכע אַש, וואָס איז ווי אַ טשערקעסישע ״פּאַפּאַכע״ געזעסן

אויפֿן קעפּל פֿון זײַן ציגאַר, זאָל נישט אַרונטערפֿאַלן און זיך האַלטן אַזוי לאַנג ווי מעגלעך.

קומענדיק איין מאָל נאָך שחרית פֿון קלויז מיטן טלית און תּפֿלין אונטערן אָרעם, האָט ר׳ מנשה געטראָפֿן אין הויז זיסלען, דעם יונגסטען פֿון זײַנע זין.

– אַהאַ! כ׳האָב אָבער געוווּסט, אַז דו׳סט קומען.

דעם יונגען מאַן האָבן זיך געביטן די קאָלירן אין פּנים.

– נו-נו, – האָט אים דער פֿאָטער באַרויִקט, – איך האָב נישט געמיינט דיך מבֿייש צו שטעלן. עס גייט דיר נישט גוט, אַה? אָבער פֿריִער גיי וואַש זיך, וועלן מיר עסן וואַרמעס.

ר׳ מנשה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויסהערנדיק דעם זונס געשיכטע: געווען זייער אַ גוטער פּלאַן... ווער זאָל זיך ריכטן, אַז...

– כ׳האָב געוווּסט, אַז דו׳סט קומען: ביסט אַ ריזיקאַנט און אַ ביסל איבעראײַלט, – אָבער סט׳זיך אויסלערנען. פֿאַר דיר טאַקע האָב איך אָפּגעלייגט אַ קליינע סומע געלט. ס׳איז נישט קיין סך, אָבער – וועסט קאָנען אָנהויבן פֿון דער התחלה, און האַלט דײַנע אויגן אָפֿן. נאַ, אָט האָסטו דאָס, און – קום נישט מער נאָך קיין געלט: ס׳איז נישטאָ. מיר זענען אַלטע לײַט, און טאָמער שטאַרב איך פֿריִער, זאָל דײַן מאַמע נישט בלײַבן ווי אויפֿן וואַסער. צו אײַך, קינדער, וועט זי נישט פֿאָרן.

– יאָ, נאָך אַ זאַך, – האָט ער דעם זון צוריקגערופֿן פֿון דער טיר: – הײַנט זענען נישט אַ מאָליקע יאָרן. אין מײַנע צײַטן, אַז אַ ייִד איז געקומען קיין דאַנציג מיט אַ ברייטער באָרד און אַ הויכער שטערן, איז דאָס געווען געננג; אַז דער קאָרן אָדער ווייץ אויף דער האַנט איז געווען גרויס און שיין, האָט מען פֿאַרקויפֿט מיט ריוח: אַז נישט, האָט מען געהאַט היזק. מיר האָבן אונדזערע מיסהרים נישט געפֿירט, זיי זענען אַליין געגאַנגען. אַז די וועלט איז הײַנט אַן אַנדערע דאַרף איך דיר נישט דערציילן, ביסט יונגער פֿון מיר. דעריבער, פֿאַרשטייסטו מיך, איז דאַנציג נישט דאַנציג, און די באָרד מיטן

שטערן זענען קיין סחורה נישט. הײַנטיקע מיסחרים דאַרף מען **פֿירן**, פֿאַרשטייסט? נו, פֿאָר געזונטערהייט, און זײַ מצליח. –

ז.

אַ זומער און אַ ווינטער און אַ זומער זענען אַוועק, און ווידער איז געקומען דער ווינטער, פֿריצײַטיק און ביטער, מיט שנייען און פֿרעסט, און ווילדע, פֿאַרביסענע ווינטן. אין טבֿת האָט ר׳ מנשה זיך צוגעקילט, אַ הוסט געטון און געלאָזן בלוט פֿון האַלדז: דאָס האָט זיך אָפּגערופֿן אַן אַלטע לונגען-אָנצינדונג, נאָך פֿון די ערשטע דאַנציגער צײַטן, וואָס ס׳האָט געמיינט אַז זי האָט קיין שפּורן נאָך זיך נישט געלאָזן. עס איז צוגעגאַנגען שנעל, און אין אַ גרויען פֿרימאָרגן, ווען די שיטערע שניי-קאַשע אויף די גאַסן האָט זיך פֿאַר מענטשן אין די אויגן געשמאָלצן אין וואַסער און די לופֿט האָט געשמעקט **אַנדערש** אָן אַ פֿאַרוואָס, זענען כּמעט אַלע קינדער, צונויפֿגעלאָפֿענע פֿון דער וועלט, געשטאַנען אַרום טאַטנס קראַנקן בעט. אַ פּאָר חשובֿע בעלי-בתים און דער רבֿ פֿון שטאָט זענען דאָ געבליבן נאָך פֿון בײַנאַכט.

שוין פֿון אַ פּאָר שטונדען האָט דער הוסט דעם חולה אָפּגעלאָזן, די היץ איז אויך געפֿאַלן, נאָר דער יונגער דאָקטאָר איז נישט אַוועקגעגאַנגען. ער איז געזעסן נישט ווײַט בײַ אַ טישל, האָט נערוועז געדרייט זײַן בלײַשטיפֿט צווישן די פֿינגער און געשוויגן.

ר׳ מנשה האָט געעפֿנט די אויגן. ס׳איז שווער געווען אים צו דערקענען, נאָר די אויגן זענען געבליבן די זעלבע – מיטן פֿאַרבאָרגענעם שמייכל אין זיי. ער האָט געבעטן רויכערן.

– סטײַטש, טאַטע –

נאָר דעם דאָקטאָרס אַ קוועטש מיט די אַקסלען האָט מבֿטל געווען זיסלס פּראָטעסט. ער איז בלאַס געוואָרן און דערלאַנגט דעם פֿאָטער אַ ציגאַר.

– נישט דאָס, – האָט דער קראַנקער געזאָגט. – האָט נישט ווער אַ ציגאַר-טיטון?

און זײַנע אויגן האָבן געשמייכלט.

ער האָט אַ צי געטון דאָס דינע פּאַפּיראָסל און אַ רוף געטון :

– איטע...

זי האָט אַוועקגענומען די הענט פֿון די אויגן און זיך אַרויסגערוקט פֿון איר ווינקל. די לעצטע צײַט האָט זי געקראָגן אַ נייגונג צו פֿעטקייט און אַ ביסל אַ קורצן אָטעם. איצט איז איר קליין קײַלעכדיק געזיכט געווען צונויפֿגענומען, ווי אַ פֿאַרדריקט קינדערש פֿויסטל, און איר בליק הילפֿלאָז און פֿאַרלוירן : דער טײַך, שוין גאָר בײַם סוף, האָט זי אַרויסגעוואָרפֿן אויף אַ פֿרעמדן ברעג, און אַליין איז ער אַוועק אין ים-אוקינוס, וווּהין אַלע טײַכן פֿאַלן אַרײַן.

– מנשה, מנשה! – האָט זי שטיל געזאָגט.

– ווילסט אַ צי? – זײַנע אויגן האָבן געלאַכט. – ס׳איז רויך, אָבער ס׳איז גוט.

אַ וויכער האָט אַ דריי געטון אין זײַנע פֿאַלדן דאָס אַלטע ווײַבל. זי האָט אַרויסגעלאָזן גלײַכצײַטיק אַ וויין, אַ לאַך און אַ הוסט, ווי רויך וואָלט זי געשטיקט. ר׳ מנשה האָט אַוועקגעלייגט דאָס פּאַפּיראָסל און אַ ווּנק געטון צום רבֿ. יענער איז צוגעגאַנגען צום בעט און אָנגעהויבן זאָגן מיט אים ודוי.

נאָך די ערשטע עטלעכע ווערטער איז דער חולה זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ הוסט. דער הוסט האָט קיין מאָל נישט אויפֿגעהערט : ער איז פֿאַרגליווערט געוואָרן, און איז אַזוי פֿאַרבליבן – אַ פֿאַרגליווערטער הוסט.

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון בנימין צדוק, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער און רפֿאל פֿינקל.

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved